STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04061

YAN MASARIK

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יאַן מאַסאַריק

אַ פרייַנד פון יידישן פאָלק

צוזאַמענגעשטעלט און באַארבעט
צ. ה. וואַקסמאַן



דער ווידערשטאַנד
אַנטי־אַקסיס נייעס בולעטין
ניו־יאָרק 1943

Reprint permitted by
mentioning the source
— "The Resistance"

דאָס איבערדרוקן פֿון דער בראָשור, טיילווייז אָדער
אינגאַנצן, איז דערלויבט מיטן תּנאַי אָנצוגעבן דעם
מקור : „דער ווידערשטאַנד". רעד.

Czechoslovak Information Service, New York, N. Y.

יאַן מאַסאַריק און זײַנע יידישע פרײַנד

VELIKÝ ZNAK
REPUBLIKY ČESKOSLOVENSKÉ



ווען מ׳האָט, זו־מער 1943, אין תּל־אָביב פייערלעך דערעפנט דעם „טאָמאַס מאַסאַריק פלאַץ״, האָבן די רעדנער ביי דער צערעמאָניע, הן מצד די יידן און הן מצד די טשע־כאָסלאָוואַקן, באַטאָנט איין און די זעלבע זאַך — אַלע זיינען זיך גע־ווען איניק, אַז טאָמאַס מאַסאַריקס זון, יאַן מאַסאַריק, דער אויסערן־מיניסטער און וויצע־פּרעמיער פון דער טשעכאָסלאָוואַקישער גלות־רעגירונג, גייט אין זיין פאָטערס דרכים און ספּעציעל גייט ער אין די וועגן פון זיין גרויסן פאָטער, וואָס שייך יידן.

פאַראַלעלן זיינען אַ געפערלעכע שפּיל, און ספּעציעל ווען מ׳וויל ציען אַ פאַראַלעל צווישן אַ גרויסן זון און זיין נאָך גרעסערן פאָטער. זעלטן ווען מ׳קען ציען אַ פאַרגלייך צווישן פאָטער און זון, — אָבער אין אונזער פאַל איז עס ווייזט אויס איינער פון די זעלטענע אויסנאָמען. — די וועגן פון פאָטער און זון לויפן זיך אַזוי שאַרף צוזאַמען, אַז ס׳איז אַמאָל שווער, פאַרן קענער, אָפּצוטיילן וועלכעס איז דער זון און וואָס שטאַמט פון פאָטער.

אַמעריקאַנער יידן זיינען גע־ווען צווישן די ערשטע אָנצו־ערקענען טשעכאָסלאָוואַקיע

אין אַ געשפּרעך מיט אַמע־ריקאַנער יידישע זשורנאַליסטן, לאַנג פאַר דער איצטיקער וועלט־מלחמה, האָט טאָמאַס ג. מאַסאַ־ריק זיי געזאָגט:*) „איר מוזט וויסן, אַז בעת איך בין אין מיט פון דער וועלט־מלחמה (געמיינט האָט ער די ערשטע וועלט־מלחמה) געקומען קיין אַמעריקע, כּדי אָנצופירן אַ פּראָפּאַגאַנדע פאַר דער אויפלעבונג פון טשעכאָסלאָוואַקיע אַלס אַ זעלבסטשטענדיקע מלוכה, זיינען די אויסזיכטן אויף דערפאָלג געווען זייער און זייער שוואַכע.

*) י. קרעל אין אַן אַרטיקל „טאָמאַס מאַסאַריק און עדוואַרד בענעש״, די פּרעסע, בוענאָס־איירעס, 13 יולי 1943.

די אַמעריקאַנער אָריענטירן זיך איבערהויפּט ווייניק אין די פֿאַר־פּלאָנטערטע אייראָפּעאישע קאָנפֿליקטן, און אַז עס עקזיסטירט אַ טשע־כיש פֿאָלק מיט אַ טויזנט־יאָריקער קולטור. דאָס האָבן אַפֿילו די גע־בילדעטע אַמעריקאַנער נישט געוואוסט. איך פֿערזענלעך בין זיי גע־ווען באַקאַנט אין באַשטימטע קרייזן, אָבער מערקווירדיק: איך בין געווען פּאָפּולער נישט אַזוי אַלס דענקער און פּאָליטיקער, נאָר הויפּט־זעכלעך אַלס פֿאַרטיידיקער אין הילזנער פּראָצעס**). דאָס האָבן די אַמעריקאַנער נישט פֿאַרגעסן און דאָס האָט אַרויסגערופֿן צו מיר פּער־זענלעך סימפּאַטיעס. אָבער מיט סימפּאַטיעס אַליין קען מען נאָך קיין פֿאָלק נישט אויפֿבויען, און איך האָב די ערשטע צייט באַטראַכט אונ־זער לאַגע אַלס זייער נישט גינסטיק. אויך בײַם פּרעזידענט ווילסאָן האָב איך געפֿונען אַ קאַלטע באַציאונג צו אונזע ראַידעאַל. ער איז געווען אַן עקסטרעמער אידעאַליסט, אַ פֿריינד פֿון אַלע קליינע פֿעל־קער, אָבער ער האָט געהאַט אַ גרויסע שוואַכקייט פֿאַר דער אַלטער עסטרייכישער אימפּעריע און האָט מורא געהאַט, אַז ווען מען וועט צעברעכן די עסטרייכישע אימפּעריע און אויפֿשטעלן נייע פֿעלקער, וועט עס זיין אַן אומגליק פֿאַרן וועלט־שלום.

„אָבער אינמיטן פֿון מיין ווייניק דערפֿאָלגרייכער פּראָפּאַגאַנדע זיינען מיר געקומען צו הילף די יידן. איך אַליין האָב דער ערשטער געשאַפֿן אַ קאָנטאַקט מיט יידישע פּערזענלעכקייטן, באַזוכט אַפֿילו איי־ניקע שולן, און געשאַפֿן באַקאַנטשאַפֿט מיט אַ ריי יידן, וועלכע האָבן געהאַט אַן איינפֿלוס אויף דער פּרעסע און אין ווייסן הויז. מער פֿון אַלע האָט מיר געהאָלפֿן בראַנדייס (דער פֿאַרשטאַרבענער ריכטער פֿון „סופרים קאָורט" און ציוניסטישער מנהיג), וועלכער האָט אַליין גע־שטאַמט פֿון טשעכיע און וועלכער איז געווען אַן אינטימער פֿריינד פֿון פּרעזידענט ווילסאָן. אָבער געהאָלפֿן האָבן אויך יעקב דע־האַז, (פֿאַרשטאָרבענער ציוניסטישער מנהיג, אַמאָליקער סעקרעטאַר פֿון ד"ר הערצל און פֿריינד פֿון וול. זשאַבאָטינסקי, רעד.), מעק (ריכטער מעק, ציוניסטישער פֿירער), סטיפֿען וויז און אַנדערע.

און ווידער האָט דאָ געשפּילט אַ ראָל די יידישע דאַנקבאַרקייט פֿאַר מיין פֿאַרטיידיקונג אין הילזנער פּראָצעס. (עלילת דם פּראָצעס) אַ דאַנק דער יידישער הילף איז דאָס אייז געבראַכן געוואָרן. מיר האָבן ביסלעכווייז געוואונען די געזעלשאַפֿטלעכע מיינונג, און דער עיקר: פּרעזידענט ווילסאָן אַליין איז געוואָרן אונזער פֿריינט און געגעבן זיין פֿולשטענדיקע הסכמה, אַז טשעכאָסלאָוואַקיע זאָל ווערן אַ זעלבסשטענדיקע מלוכה".

**) דער ווינטער עלילת דם פּראָצעס אין עסטרייך אונגאַרן.

יאַן מאַסאַריק, דער פּאָפּולערסטער מלוכה־מאַן צווישן יידן.

לייענט מען די דאָזיקע שורות איבערגעגעבן פֿון אַלטן מאַסאַריק צו א יידישן זשורנאַליסט, דאַן באַקומט זיך ערשט אַ באַגריף פֿון וואַנען ס׳נעמט זיך דער מאַסאַריק־קולט צווישן יידן.

יידן האָבן געהאַט אַ חלק אין באַפֿרייאונגס־קאַמף פֿון אַ סך פֿעלקער, אָבער קיינער פֿון זיי האָט „אין פֿריידן״ נישט אַזוי אויפֿריכטיק געדענקט די יידישע הילף און זיך נישט דערמאָנט דעם חוב צו די יידן ווי די מאַסאַריקס און די בענעשס.

פֿאַר די לעצטע פּאָר יאָר האָט יאַן מאַסאַריק נישט פֿאַרבייגעלאָזן קיין שום געלעגנהייט כּדי אונז צו מאַניפֿעסטירן זיין פֿריינטשאַפֿט, זיין מיטגעפֿיל און זיינע אויפֿריכטיקע פּלענער לגבי דעם יידישן פֿאָלק.

און דערפֿאַר טאַקע האָט קיין שום נישט־יידישער פּאָליטיקער אָדער שטאַטסמאַן, פֿון צווישן די גלות־מלוכות, ניט דערגרייכט די פּאָפּולאַריטעט און ליבשאַפֿט וועלכע מאַסאַריק האָט ביי יידן. מאַסאַריק רעדט צום אַמעריקאַנער עולם בעת אַ „יוניטעד דזשואיש אַפּיל״ און מאַסאַריק רעדט צו דער גראַדואַציע פֿייערלעכקייט פֿון ישיבה־קאָלעדזש. ער גיט אַ יידישן זשורנאַליסט אַן אינטערוויו אָדער ער דערמאָנט דאָס יידישע פּראָבלעם בעת אַ נישט־יידישער ראַדיאָ־רעדע. ווען מאַסאַריק איז אין טשיקאַגאָ געפֿינען די דאָרטיקע יידן דעם וועג צו אים און ווען די יידישע וועלט ווערט אויפֿגעציטערט וועגן גורל פֿון עטלעכע מנינים יידן אויף אַ „פֿאַרלוירענער שיף״, איז עס ווידער מאַסאַריק וועמען דער ענין רירט אָן ביים האַרצן און ער האָט קיין רו נישט ביז ער טוט נישט וואָס ער פֿאַרשטייט פֿאַר ריכטיק כּדי די דאָזיקע יידן צו העלפֿן.

ווי קענען ציוויליזירטע מענטשן רואיק שלאָפֿן, ווען אויפֿן ים טרייבן זיך אַרום שיפֿן מיט אומגליקלעכע היימלאָזע יידן.

ווען דער שרייבער פֿון די שורות האָט, סוף 1941 באַזוכט מאַסאַריקן אין ניו־יאָרק, אין דער צייט ווען אויפֿן ים האָט זיך אַרומגעטריבן די אויבנדערמאָנטע „פֿאַרלוירענע שיף״ האָט מאַסאַריק דעם „אינטערוויוער״ נישט געגעבן קיין געלעגנהייט אים צו פֿאַראינטערעסירן מיט זייטיקע פּאָליטישע פֿראַגן, נאָר ער איז גאָר אַריבער צו דער אַטאַקע:

וואָס, האָט ער דעם שרייבער געפֿרעגט, האָבן יידישע אָרגאַניזאַציעס געטאָן פֿאַר די אומגליקלעכע 86 יידן אויף דער

שפּאַנישער „גייסטער־שיף", וועלכע טרייבט זיך שוין חדשים אַרום אויף אַלע זיבן ימים, זוכנדיק אַן אָרעם שטיקל פּלאַץ אויף גאָטס פרייער ערד?

דער שרייבער האָט, כמעט ווי אין פאַרלעגנהייט געענטפערט, אַז... מ'טוט, מ'באַמיט זיך.

יאַן מאַסאַריק האָט דעם אינטערוויוער איבערגעשלאָגן די רייד מיט די האַרציקע ווערטער:

„אויך איך באַמי זיך, און גלייבט מיר, כ'האָב אין די דאָזיקע לעצטע טעג נישט איין וויכטיקן ענין פאַרנאַכלעסיקט, אינטערווענירנדיק פאַר די דאָזיקע אומגליקלעכע יידן".

און דאַן צוגעגעבן:

„ווי קענען ציוויליזירטע מענטשן רואיק שלאָפן, בעת ערגעץ אויף אומבאַקאַנטע ימים טרייבט זיך אַרום אַ שיף מיט קרוב הונדערט אַרויסגעשטויסענע יידן, פרויען און קליינע קינדער, וועלכע געפינען נישט קיין אָרעם ווינקל אויף גאָטס גרויסער און שיינער וועלט".

אין טשיקאַגאָ האָט מאַסאַריק בעת אַ מאַסן־מיטינג דערקלערט:

„די געשיכטע האָט פון תמיד אָן אַרויסגעגעבן אַ נעגאַטיוון פּסק־דין קעגן מאַיאָריטעטן וועלכע אונטערדריקן די יעניקע וועלכע זיינען ווייניקער גרויס פון זיי אין צאָל...".

אַנטיסעמיטיזם איז פּחדנות. **מאַסאַריק דער פאָטער האָט געשריבן:**

„אַנטיסעמיטיזם איז לויט מיין מיינונג, אַ פּאַטש אין פּנים פון די ניט־יידן, ער טוט זיי אָן שאָדן, און מאַכט זיי אויסזען אוממאָראַליש און וואולגאַר".

און מאַסאַריק דער זון, ריידנדיק מיטן שרייבער פון די דאָזיקע שורות אויף דער זעלבער טעמע, דריקט זיך אויס אַ סך שאַרפער:

זאָגט די יידן, האָט ער געבעטן דעם שרייבער, אַז:

„איך פערזענלעך האַלט דעם אַנטיסעמיטיזם פאַר דער נידעריקסטער סאָרט פּחדנות און געמיינהייט. זעט איר, האָט ער צוגעגעבן שמייכלנדיק, ווען איר יידן וואָלט געווען אַ פאָלק פון לאָמיר זאָגן, 300 מיליאָן און מיר, גוים אויך אַזוי גרויס, וואָלט עס אפשר געווען דזשענטלמעניש צו זיין אַן אַנטיסעמיט. אָבער ביים איצטיקן צושטאַנד, וואו עס זיינען אויף דער וועלט פאַראַן צוויי ביליאָן גויים און אַ הייפל יידן פון 18 צי אַפילו

20 מיליאָן, איז אַנטיסעמיטיזם אַ ביליקע פּחדנות (ער האָט באַנוצט צו ערשט דאָס פֿראַנצויזישע וואָרט „לאַש" און עס גלייַך איבערגעזעצט מיטן ענגלישן וואָרט „קאַוואַרד").

אין אַ „לוסיען וואולף מעמאָריעל לעקציע", וואָס ער האָט געהאַלטן פֿאַר דער יידישער היסטאָרישער געזעלשאַפֿט, סוף 1943, האָט יאַן מאַסאַריק אָפּגעגעבן עטלעכע דערקלערונגען פֿון וועלכער מיר גיבן דאָ דעם אינטערעסאַנטסטן טייל; די טעמע פֿון דער לעקציע איז געווען „מינאָריטעטן און דער דעמאָקראַטישער שטאַט".

רעדנדיק וועגן יידישן פּאַטריאָטיזם האָט מאַסאַריק אָנגעוויזן, אַז אויך אין דייטשלאַנד, איידער היטלער האָט פֿאַרכאַפּט די מאַכט, זייַנען די יידן געווען צווישן די בעסטע און געטרייַעסטע בירגער.

„די יידן האָבן פֿיל בייגעטראָגן צו פֿאַרהיילן די וואונדן פֿון דייטשלאַנד נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה און האָבן פֿיל געהאָלפֿן צוריקצוברענגען דייטשלאַנד צו איר באַרעכטיקטן פּלאַץ צווישן די אייראָפּעאישע פֿעלקער".

„מיר האָבן פֿאַר זיך דעם ביישפּיל פֿון די פֿאַראייניקטע שטאַטן", האָט מאַסאַריק געזאָגט. דאָרט אונטערזוכט די רעגירונג די קוואַליפֿיקאַציעס פֿון אַן אימיגראַנט, איידער זי נעמט אָן זיין אַפּליקאַציע פֿאַר בירגערשאַפֿט. אַזוי שנעל אָבער ווי דער אימיגראַנט ווערט אַ בירגער, איז אַמעריקע זיין לאַנד, אָפּגעזען פֿון דעם וואָס פֿאַר אַ שפּראַך ער רעדט. זיין בירגערשאַפֿט שטייט אויף אַ זיכערן פֿונדאַמענט און זיינע לאָיאַליטעטן צו די פֿאַראייניקטע שטאַטן קומען פֿריער פֿאַר אַלע זיינע אַנדערע לאָיאַליטעטן צו מענטשן. אַזוי וועט מוזן זיין אין יעדן עכטן דעמאָקראַטישן שטאַט".

די מינדערהייט־פּאָליסי פֿון טשעכאָסלאָוואַקיע, האָט מאַסאַריק דערקלערט איז באַשטאַנען אין געבן די יידן דאָס רעכט זיך צו אָרגאַניזירן אַלס עטנישע מינאָריטעט, אָפּגעזען פֿון דער שפּראַך, וואָס זיי האָבן גערעדט. ער האָט דערביי באַטאָנט, אַז איבער אַ העלפֿט פֿון די יידן אין טשעכאָסלאָוואַקיע האָבן זיך דערקלערט אַלס מיטגלידער פֿון דער יידישער נאַציאָנאַליטעט.

פֿאַרגלייכנדיק דעם גורל פֿון טשעכישן און יידישן פֿאָלק, האָט מאַסאַריק דערקלערט:

„ס'איז פֿאַראַן אַ גאָר גרויסע ענלעכקייט אין די צוויי טויזנט יאָר פֿון גיהנום ליידן פֿון יידישן פֿאָלק און אין די 1,000 יאָר ליידן פֿון מיין פֿאָלק. — וואָס שטאָטסמענער האָבן אונז אָנגע־

טאָג, און איך גלייב אַז דאָס איז פאַרבייגייענדיק און צייטווייליק, האָבן די דייטשן געטאָן אַ סך פריער צום יידישן פאָלק און אויך דאָס איז, גלייב איך, פאַרבייגייענדיק... עס איז דעריבער ניט מער ווי רעכט אַז איך זאָל אין דעם דאָזיקן לאַנד ריידן פאַר יידישע פאַרזאַמלונגען...".

„דאָס יידישע פּראָבלעם איז אַ טייל פון מיין אייגע־נער עקזיסטענץ".

יאַן מאַסאַריק בלייבט געט־רײַ זיך אַליין. אַ סך פון אונ־זערע יידן זיינען נאָך ניט צו־געקומען צו דער רעוואָלוציאָ־נערער אויפפאַסונג פונם יידישן פּראָבלעם ווי עס פאַרשטייט און האַנ־דלט מאַסאַריק.

צוריקבליקנדיק צו די פינצטערע צייטן פון אָנהייב פון אונזער יאָר־צענדליק און ביזן היינטיקן טאָג ווען מיר האַלטן שוין ביי דער „וועלט שפּייז־קאָנפערענץ", האָמערט מאַסאַריק די דאָזיקע תורה אין דער וועלטס קאָפּ אַריין. צום שרייבער פון די דאָזיקע שורות האָט אין יאָר 1941 מאַסאַריק דערקלערט:

„עס עקזיסטירט ניט קיין אָפּגעטיילט יידיש פּראָבלעם אַליין, נישטאָ קיין צוויי פּראָבלעמען: אַ יידישס און אַ ענגלישס, אָדער אַ יידישס און אַ טשעכישס, צי אַ יידיש און אַ פּויליש פּראָבלעם אָפּגעטיילט איינס פונעם אַנדערן אָדער אָפּגעזונדערט פון אַלע אַנדערע וועלט פּראָבלעמען. דאָס יידישע פּראָבלעם איז אַן אומ־אָפּטיילבאַרער חלק פון מיין אייגענער עקזיסטענץ, אַ טייל פון אַלע אַנדערע פּראָבלעמען, וועלכע איך מוז לייזן. און די פעלקער פון דער וועלט, בתוכם אויך די יידן, וועלן אויפן גרינעם טיש פון דער שלום־קאָנפערענץ מחן ערנסט און יושרדיק באַהאַנדלען די יידן־פראַגע אַלס אַ טייל פון אַלע אַנדערע פראַגן, וועלכע די דאָזיקע קאָנפערענץ וועט האָבן צו לייזן אין אַ וועלט פאַרנעם.

„עס איז דער מאָראַלישער חוב פון אַלע פעלקער, אַ פאַר־פליכטונג פאַר גאָט, פאַר דער געשיכטע און פאַר אַלע קומענ־דיקע דורות אַרויפצוברענגען אויפן טיש דאָס דאָזיקע פּראָבלעם, ווען די פעלקער וועלן זיך ווידער פאַרזאַמלען, כדי פריי צו דיסקוטירן אַלע אַנדערע וועלט־פּראָבלעמען, און מיט יושר עס באַהאַנדלען, ווי אַ טייל פון זייערע אייגענע זאַכן — ווי אַ גלייכבאַרעכטיקטן שותף, וועמעס צרות און פרייד אַלע טיילן".

און אין נאָוועמבער 1943, בעת יידישע דעלעגאַציעס האָבן אָפּ־געקלאַפּט די טירן פון דער „שפּייז־קאָנפערענץ" אין אַטלאַנטיק־סיטי,

איז מאַסאַריק געווען דער איינציקער אָפּצוגעבן אַ דערקלערונג מיטן פּולן מויל און מיטן גאַנצן האַרץ:*

„יאַן מאַסאַריק, למשל, דער פירער פון דער טשעכאָסלאָוואַקישער דעלעגאַציע, אַ זייער איינפלוסרייכע גרופּע צוליב אירע אויסגעצייכנטע באַציאונגען סיי מיט די מערב־דעמאָקראַטיעס, סיי מיט סאָוועט־רוסלאַנד, האָט מיר דערקלערט, אין אַ לענגערן געשפּרעך, אַז ער איז „אַבסאָלוט דערפאַר, אַז די יידישע פראַגע זאָל באַהאַנדלט ווערן פון דער קאָנפערענץ ווי אַ באַזונדער פּונקט פון דעם רעהאַביליטאַציע־פּראָגראַם". „עס איז לעכערלעך", האָט מיר מאַסאַריק געזאָגט, „צו וועלן זיך פאַרשטעלן די אויגן און נישט וועלן זען דעם אמת: די יידישע פראַגע פאָדערט אַ באַזונדערע לייזונג. און אויב מיר וועלן די באַזונדערע לייזונג נישט געפינען, נישט פּרואוון געפינען, לכל הפּחות, וועלן מיר האָבן שטאַרק געזינדיקט.

„די יידישע פראַגע איז אַ וויכטיקע פראַגע, איינע פון די וויכטיקסטע" — האָט מאַסאַריק מיר ווייטער דערקלערט. — „און מען קאָן נישט בויען קיין באַשטענדיקן פרידן אויב מען וועט דאָס פּראָבלעם איגנאָרירן, ווי אַ ריי ווילן עס טאָן. איך בין פאַר אַ פולער, אויפריכטיקער און ערלעכער באַהאַנדלונג פון דעם יידישן פּראָבלעם".

ווען איך האָב אויפמערקזאַם געמאַכט מאַסאַריקן, אַז געוויסע דעלעגאַטן האָבן מיר אָנגעגעבן אַלס תירוץ פאַר זייער איגנאָרירונג פון דער יידישער פראַגע דעם קלאַסישן תירוץ פון די פריינד פון דער יידישער אַסימילאַציע, אַז „עס וועט אויסזען ווי מיר דיסקרימינירן קעגן יידן", האָט מאַסאַריק אַ שמייכל געטאָן און געענטפערט:

„מיר, קריסטן, דיסקרימינירן שוין צוויי טויזנט יאָר קעגן יידן, לאָמיר איין מאָל האָבן דעם מוט צו „דיסקרימינירן" לגבי זיי אויף אַזאַ אופן אַז עס זאָל דעם יידישן פאָלק דערפון אַרויסקומען אַ טובה, — אַז די יידישע פראַגע זאָל ענדלעך געלייזט ווערן".

יאַן מאַסאַריק האָט פיינט צו נאַרן אַנדערע אַזוי גוט ווי זיך אַליין, ער קען זיך גוט אויס אין יידישע פּראָבלעמען און פאַרשטייט זיי ביזן גרונט.

---

* „מאָרגן־זשורנאַל" ניו־יאָרק, 16טן נאָוועמבער 1943 — „מאַסאַריק פאָדערט אַז יידן־פּראַגע זאָל באַהאַנדלט ווערן אויף דער מלוכות־קאָנפערענץ אין אַטלאַנטיק סיטי", — ספּעציעלע טעלעגראַמע פון מ. י. נירענבערגער.

פֿאַראיאָרן, אין אַ שמועס מיטן שרייבער פֿון די שורות, האָט ער דערקלערט:

„— אויך אין אייערע אייגענע יידישע רייען האָבן ווייטע קרייזן ניט געוואָלט אָדער נישט געקאָנט פֿאַרשטיין, אַז דאָס יידישע פּראָבלעם דאַרף באַהאַנדלט ווערן אַלס אַן אייגנס, נישט פֿאַר יידן, נאָר פֿאַר דער וועלט, אַז דאָס יידישע פּראָבלעם קאָן און טאָר נישט אָפּגעטיילט ווערן און באַהאַנדלט ווערן ווי עפּעס אַן עקזאָטישע אָנגעלעגנהייט, מיט וועלכער יעדע נאַציע פֿאַרטיקט זיך אָפּ אויף איר אייגענעם אופֿן און קיינער טאָר איר דערין קיין דעה נישט זאָגן. שלאָגסטו מיינע יידן, שלאָג איך דיינע יידן... און שלאָג איך מיינע אייגענע יידן, איז עס קיינעמס עסק ניט. — היטלער האָט עס זיי באַוויזן. די נאַציס האָבן אויף די רוקנס פֿון די יידן אויסגעשפּילט זייערע ערשטע קאָרטן, אויסגעשפּילט און געוואונען. און לאַנגזאַם, אַביסל צו פּאַוואָליע, האָט די וועלט אָנגעהויבן צו באַגרייפֿן, אַז נישט נאָר איז דאָס יידישע פּראָבלעם אַ וועלט־פּראָבלעם, נאָר עס איז מער דערפֿון, עס איז אַ באַראָמעטער פֿאַר אַ גאַנצע ריי זאַכן און געשעענישן, וועלכע קומען אַלס פועל יוצא דערפֿון".

צו יידישע פֿרויען האָט יאַן מאַסאַריק געזאָגט:*

„אונזער משפּחה׳ס שייכות מיטן יידישן קאַמף איז שוין זייער אַן אַלטע און אינטימע. פֿון זייט היטלער איז געקומען צו דער מאַכט און נאָך פֿאַר דעם, איז עס פֿאַר מיר געווען אַ פֿליכט און אַ פּריווילעגיע צוזאַמענצואַרבעטן מיט אייך, יידישע פֿרויען און מענער".

דער פֿאָטער — אַ סינאָנים פֿאַר גערעכטיקייט; דער זון —פֿאַר נקמה און פֿאַרגעלטונג

דעם 18טן יוני 1942 האָט דער ניו־יאָרקער ישיבה־קאָלעדזש יאַן מאַסאַריקן באַערט מיטן ערן דאָקטאָראַט פֿאַר רעכט.

צו דער געלעגנהייט האָט דער מיניסטער געהאַלטן איינע פֿון זיינע גייסטרייכסטע רעדעס, וועלכע מיר יידן הערן זייער זעלטן פֿון אונזערע ניט־יידישע פֿריינט. דערביי איז כדאַי צו באַמערקן, אַז אין קעגנזאַץ צו אַלע אַנדערע אָפֿיציעלע פּערזענלעכקייטן — רעדט דער טשעכאָסלאָוואַקישער וויצע־פּרעמיער און אויסערן־מיניסטער, נישט פֿון

---

* אויפֿן יערלעכן לאַנטש פֿון דער פֿרויען־אָפּטיילונג פֿון יידישן וועלט־קאָנגרעס, אין ניו־יאָרק, דעם 28טן אַפּריל 1942.

אַ פּאַפּיר — נישט פון אַ פאַרויס צוגעגרייטן טעקסט — ער רעדט דירעקט מענטשלעך, אוממיטלבאַר און פון האַרץ צו האַרץ.

נאָכדעם ווי מאַסאַריק האָט זיך, אין האַרציקע ווערטער, באַדאַנקט פאַרן גרויסן כבוד וואָס דער „ישיבה־קאָלעדזש" האָט אים אָפּגעגעבן האָט ער געהאַלטן אַ לענגערע גייסטרייכע רעדע אין וועלכער ער האָט צווישן אַנדערן געזאָגט:

„מיין טאַטנס נאָמען, האָבן מענטשן פאַרבונדן מיט דעמאָקראַטיע און מענטשלעכקייט — מיין נאָמען איז ליידער, (און גאָט ווייסט אַז ס'איז נישט פון מיר אָפּהענגיק), פאַרבונדן מיט צאָרן, נקמה און פאַרגעלטונג".

„...אויב די דייטשן וועלן אויף זייער אייגענעם קערפּער ניט שפּירן די זעלבע באַהאַנדלונג וועלכע זיי גיבן אונז, דאַן וועלן זיי זיך מער קיין מאָל נישט דערהייבן פון דעם חיה'שן מצב צו וועלכן זיי זיינען אַזוי גיך און מיט אַזוי פיל חשק אַראָפּגענידערט".

„די יידן־פראַגע איז אומאָפּטיילבאַר פון די פּראָבלעמען פון מיין אייגן פאָלק".

„איך ווייס ניט, אויב איך וועל האָבן אַ וועלכע ס'איז שייכות מיט דער קומענדיקער שלום־קאָנפערענץ. אָבער איך קענט מיר גלייבן ווען איך זאָג אייך, אַז די יידן־פראַגע איז אומצעטיילבאַר פאַראייניקט מיטן פּראָבלעם פון מיין אייגן פאָלק און מיט די פּראָבלעמען פון אַלע פרייע פעלקער, וועלכע זיינען צייטווייליק אַרונטערגעפאַלן אונטערן טראַגישן יאָך פון נאַצישער הערשאַפט".

דעם העכסטן פּונקט אין זיין אויפריכטיקייט צו יידן האָט יאַן מאַסאַריק דערגרייכט אין זיין רעדע פון ערב ראש השנה תש"ד* אין וועלכער ער האָט דערקלערט:

„יעדעס פאָלק קען געמשפּט ווערן לויט דעם ווי עס באַנעמט זיך לגבי יידן".

און דאַן האָט ער באַשיידן צוגעגעבן:

„איך מוז זאָגן, אַז מיר האָבן זיך גוט אויפגעפירט לגבי זיי".

וואָס מיר קענען צוגעבן, איז, אַז ס'איז דוכט זיך נישט פאַראַן קיין איינציקער ייד, וועלכער זאָל נישט באַשטעטיקן דעם דאָזיקן אַטעסטאַט — פאַר אונזערע טשעכאָסלאָוואַקישע פריינט — די מאַסאַריקס.

צ. ה. וואַקסמאַן

---

* די רעדע ברענגען מיר מיט קליינע קיצורים אין ענגלישן טעקסט פון דער דאָזיקער בראָשור.

ד"ר יאַן פּאַפּאַנעק
אויסערארדנטלעכער מיניסטער
שעף פון טשעכאָסלאָוואַקישן אינפאָרמאַציע־דינסט

יאַן מאַסאַריק דער שטאַטסמאַן און פאָלקסמענטש

יאַן מאַסאַריק איז, בלי ספק, איינער פון די אָריגינעלסטע פּערזענלעכקייטן צווישן די מלוכה־לייט פון אונזער צייט. פון אַלע קאָמפּלימענטן וועלכע שרייבער באַנוצן ריידנדיק וועגן כלל־טוער איז די באַצייכענונג: פּאָפּולער אָדער פאָלקסטימלעך, די וועלכע פּאַסט אַמבעסטן פאַר מאַסאַריקן. דער טשעכאָסלאָוואַקישער וויצע־פּרעמיער איז אַ פּאָפּולערער מלוכה־מאַן אין בעסטן זין פון דעם דאָזיקן וואָרט. ער האָט זיך דערוואָרבן די סימפּאַטיעס פון די מאַסן, נישט דערפאַר וואָס ער האָט „שטודירט" זייער מענטאַליטעט אָדער זיך, אין זיינע עפנטלעכע אויפטריטן באַנוצט מיט דעמאַגאָגישען פּאַטאָס. ער האָט אויך די מאַסן קיין מאָל נישט געזאָגט דאָס, וואָס זיי וואָלטן ליב געהאַט צו הערן. אָבער יאַן מאַסאַריק איז אַליין אַ פאָלקס־קינד, ער פאַרשטייט דאָס פאָלק ווייל ער לעבט מיט די פּשוטע פאָלקסמענטשן, ער פילט ווי זיי פילן און רעדט זייער שפּראַך און טיילט זיך מיט זיי אין צרות אַזוי גוט ווי אין נחת.

ער איז דער זון פון אַ גרויסן דענקער, אַ גרויסן מאַן און איבער אַלץ אַ גרויסן נאַציאָנאַלן העלד. פון זיין פריסטער יוגנט האָט דער יונגער מאַסאַריק געהאַט די געלעגנהייט צו לערנען איין זאַך פון דראַמאַטישן לעבן פון זיין גרויסן פאָטער; ער האָט געלערנט, אַז די גרויסקייט פון היסטאָרישע פּערזענלעכקייטן איז געבויט אויסשליסלעך אויף אַ קאַמף פאַר אידייען פאַר אַ פריי, בכּבודיק און קאָמפּראָמיסלאָזן לעבן פון מענטשן־מין.

יאַן מאַסאַריק האָט נישט געהאַט קיין לייכט לעבן. פון זיין פריסטער יוגנט אָן האָט ער זיין לעבן געמוזט אויסקעמפן. ער האָט זיך באַקענט מיט אַלע קלאַסן פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט, נישט אַלס אַ פּאַסיווער צוקוקער נאָר אַלס אַן אַקטיווער אָנטיילנעמער פונעם געזעלשאַפטלעכן קאַמף פון אונזער היינטיקן לעבן. ער איז נישט געוואָרן קיין מלוכה־מאַן און מנהיג דערפאַר וואָס ער האָט אַזאַ געוואָלט ווערן; די געשעענישן האָבן אים דערצו געצוואונגען. און קיין זאַך איז מאַסאַריקן נישט אַזוי פרעמד געווען ווי דאָס געיעג נאָך פּאָפּולאַריטעט. ער איז פּאָפּולער געוואָרן דווקא דערפאַר ווייל ער האָט זיך נישט געיאָגט דערנאָך. אַליין איז ער גאָר אַן ערשט־קלאַסיקער פּיאַניסט און אַ פריינד פון שרייבער, אַרטיסטן, מאָלער און מוזיקער.

אלס א זון פון טאמאס ג. מאסאריק, איז ער א טשעכאסלאוואק און מצד זיין מוטער איז ער אן אמעריקאנער און מצדביידע עלטערן האט זיך אין אים אויסקריסטאליזירט א גוטער דעמאקראט. אים אינטערע־סירט גיכער צו פארשטיין מענטשן איידער זיי צו משפטן. ווייל ער פארשטייט, אז נאר דורך פארשטענדעניש קענען מענטשן געהאלפן ווערן. ער טאלערירט נישט קיין שום סארט פון אונטערדריקונג. ער האט פיינט „אויבער־מענטשן" און פלאפלערס און דער עיקר האט ער פיינט צו מישן קונסט מיט פאליטיק. און פון די זאכן וועלכע ער האט פיינט באקומט זיך דער אנדערער טייל וועלכן ער האט ליב: ער האט ליב פשוטע מענטשן, ער האט ליב פרייהייט אבער נישט קיין צו לייכט דערווארבענע פרייהייט נאר פרייהייט פאר וועלכע מ'האט גע־קעמפט און געבראכט קרבנות. ער איז אן אנהענגער פון גייסטיקן פרידן וועלכן ער שאצט העכער פאר סתם „וואפן שלום" ער האלט דעם שלום פון גייסט העכער דערפאר וואס זיין יסוד איז אין גלויבן און אין ליבע.

the social dramas and struggles of today. He did not become a statesman and leader of men because he wanted to become one, but because events forced him to be one. Nothing was farther away from him than the seeking of popularity. He acquired it because he did not seek it. He lives intensely and prefers arts to politics. He himself is an accomplished pianist and all artists, painters, musicians and poets have a good friend in him.

As the son of Thomas G. Masaryk, Czechoslovak by his father, American by his mother, Masaryk acquired one of the finest qualities of democrat. He is more interested in understanding men than in judging them. And he knows that therein lies the cure for their illnesses. He does not tolerate oppression. He hates supermen. Megalomania in life, politics and art is distateful to him. That in itself implies what he loves He loves simple people, he loves freedom, not just easily acquired but paid for with heavy sacrifices, and he loves the spiritual peace which has a greater value than the peace of arms becuse it rests on faith and love.

Dr. Jan Papanek
Minister Plenipotentiary
Chief, Czechoslovak Information Service in the U. S. A.

JAN MASARYK — STATESMAN
of the People and for the People

Jan Masaryk is without doubt one of the most original personalities among the statesmen of today. Of all the adjectives by which journalists are accostumed to describe public personalities by te adjective "man of the people" suits him best. Jan Masaryk is a popular statesman in the best sense of the word. He won the sympaties of the broadest masses not because he made a study of their mentality or that in his public utterances he took refuge in pathos or that he sought to please his listeners and readers by telling them what they liked to hear, but because, coming from the people he understands the people, lives with them, feels with them, speaks their language and shares their sorrows and joys.

Dr. Ján Papánek

He is the son of a great thinker, a great man and, above all, a great national hero. Ever since the days of his youth he learned from the dramatic life of T. G. Masaryk that the greatness of historic personalities is based exclusively on struggle for ideals emulating the free, uncompromising and dignified life of man, despite all adversities.

Jan Masaryk had not an easy life, being obliged since his early youth to eke out his own living. He learned to know all claasses of human society not as a passive bystander but as an active participant of

towards pangermanism which, in its turn, would mean the end of our nation.

Today, the Jews are facing the worst. They suffer in the Polish ghettos even more than in Dachau and Oranienburg. That is why I appeal to you to help them as much as you can. Try to understand their weaknesses. If anyone of those disinherited, persecuted and hunted unfortunates attempts to speak German you must regard it as a symptom of his utter helplessness and you must not condemn him. It is the reflex of a drowning man reaching for a straw to save himself. Don't forget that at home many a high official and industrialist also made an effort to learn German well in these last years.

And to you, you Bratislava gangsterlings and quisling-fledgelings, to you I say: "For shame, that any Slovak could be found among you who tried to imitate Hitler in sending your Jews to a certain death in Poland. It is a strange irony of fate that from our once free and democratic Czechoslovakia the Jews, in order to save themselves from the good-for-nothing scoundrels, the Mach's guards, are fleeing to Hungary, a land where antisemitism always found a fertile soil.

We all shall be poor after the war. The Jews will be even poorer. They will have to begin anew—those that managed to escape alive the Hitler madness. I must confess that it would give me a great satisfaction if, after the war, I could say to our children and to the entire world that we remained decent human beings during the nightmare of German terror, that we helped the Jews to the utmost of our ability. I know that you agree with me and that you will also do your duty in that respect.

turn against the dictator. To their everlasting shame the Germans threw themselves first against the weakest ones, the Jews. As we were able to witness the social democrats, the priests and the intellectuals were attacked in their turn. And when Hitler liquidated these representatives of German pregress and freedom he threw himself against the rest of the free peoples: the Czechs, the Poles, the Belgians, the Norvegians, the French, the Yugoslavs, the Greeks and the Russians. Let us never forget that his attack began with antisemitism. and ended in the second World War.

The Germans also tried to provoke antisemitism in onr country. Since 1918 I have travelled a lot and during the 25 years I was able to talk to statesmen, politicians, scientists, writers and artists. Some knew little about Czechoslovakia, yet when the conversation turned towards us they used to say: "You are a great country, you have true democracy and freedom and you avoided antisemitism". And it wasn't only the Jews who spoke that way to me.

Each nation can be judged by its behaviour to the Jews and I must say that we behaved well to them. There lived in Czechoslovakia many decent, loyal and there lived in Czechoslovakia many decent, loyal and patriotic Jews, legionaries and Sokols, of whom many many are now in our army in England and Russia. They felt solidary with us and we looked at them as at our own people.

Today we are looking towards the future and that is why I want to repeat here with you that antisemitism is a barbarism and a shame wich forever will remain an example of the greatest self-defilement in the history of the German people. And the Czechoslovaks must learn from the experience of this terrible war that for us, who live so close to Germany, antisemitism would represent the first step

accorded at the ceremony in the greatest rabbinical college in New York, the "Yeshiva College", when he was honored with a degree of Dr. of Laws there. Students had tears in their eyes, venerable old rabbis stood up in reverence, not only before the son of Thomas Masaryk, but before young Masaryk himself, the collaborator of Beneš, the man who represents the country which has a magic influence upon Jewish minds and hearts—Czechoslovakia. *Z. H. Wachsman*

Each Nation can be Judged by Its Behaviour to the Jews

Broadcast to the Jews of October 29th, 1943.
by *Ján Masaryk*
Vice Premier and Foreign Minister of the Czechoslovak Republic

Yesterday was St. Venceslas Dey. We were commerorating the 25th anniversary of our independence. It was also the anniversary of Munich. "Les extrêmes se touchent" [Two extremes meet]. Today is the Jewish New Year: the year five thousand seven hundred and four. In America, England, and Palestine the Jews are praying in their synagogues for those unfortunate of their brothers whose synagues were destroyed by the German barbarians and whom the barbarians killed by the millions. In the course of their long history the Jews had passed through great suffering but none as terrible and unbearable as the one they are passing through now. Our generation had the tragic privilege of learning from their miserable fate where antisemitism leads. I want to tell you that German antisimetism was and is only the beginning and the first symptom of the insatiable German lust to dominate or to destroy other non-German nations. We Czechs are unable to live under their totalitarian system as free men. Nor can the Jews. Every dictatorship is a cowardly weapon which in the end must

so near the moral heritage of so great a father, and expressing so clearly and definitely the thoughts and ideas of that father, the President Liberator of Czechoslovakia.

In Masaryk's conception, the Jewish problem is part of his own existence. At the mass meeting in Chicago, Masaryk said: "History has ever since its inception, issued a negative verdict against majorities suppressing those who are weaker and less numerous".

Masaryk is for collective security and for collective responsibility and in another interview, he declared: "It is the moral duty of all peoples, a pledge before God and history, a debt to the coming generations, to bring up the Jewish problem together with other problems at the coming conferences after victory". And when Masaryk said that, victory was very far ahead. It was in the dark year of 1941, He is faithful to himself as well as to his friends.

To a correspondent of a Jewish newspaper at the UNRRA conference, three years later, he stated: "It is impossible to build a permanent peace by ignoring this problem [meaning the Jewish problem] as many want to do. I am for a full, sicere and honest handling of the Jewish problem". And then he added: "Some people think that by treating the Jewish question as a separate problem, this will spell discrimination, but we Christians have discriminated for the last two thousand years, so let us have the courage for once to 'discriminate' against Jews in a manner that they should profit from discrimination and that the Jewish problem should, once and for all, be solved".

When Masaryk speaks to the Jews or to anybody else, he does not speak from any prepared text nor from any prepared notations. His remarks are as wholehearted and as spontaneous as the fervent applause he always gets at public appearances. One never can forget the enthusiastic reception he was

JAN MASARYK AND THE JEWS

This English digest of the Yiddish text on the Masaryks and the Jews, consists of short excerpts of the most important statesments of Jan Masaryk concerning the Jews, or as he puts it, his friends, the Jews.

His Excelency
M. Ján Masaryk

The Chechoslovak Vice Premier and Foreign Minister, Jan Masaryk, is one of the most exuberant and one could almost say, fanatic defenders of the Jewish cause. He is one of the rare statesmen who does not consider any political trend while making his statèsments concerning the Jewish question. When the present writer, a couple of years ago, met Jan Masaryk for an interview for a world-wide Jewish newspaper service, it was just the time when one of those "ghost" ships, full of Jewish refugees, was cruising the seven seas without finding a door open for those unfortunates, Instead of giving the interviewer a chance to ask questions, the interviewed Minister set a question himself. "What are you doing here in order to save those unfortunate people?" When the answer was not satisfactory, he indignantly asked: "How can decent people sleep contentedly while other people, created in the image of God, find the doors of the world closed to them?"

Jan Masaryk is one of the rare examples of a son stepping so closely behind his father, being spiritually

JEWISH PUBLIC LIBRARY
LA BIBLIOTHEQUE JUIVE PUBLIQUE